בס"ד

# פרד"ס יהודה

עלון שבועי באידיש ע"י יהודה זבולון הלוי קליטניק

פרשת בשלח תשע"ח — שבת שירה — גליון 442 [שנה י']

**פארוואס האט דער יַם מורא געהאט פון אֲרוֹנוֹ שֶׁל יוֹסֵף?**

וַיִּקַּח מֹשֶׁה אֶת־עַצְמוֹת יוֹסֵף עִמּוֹ ... פָּקֹד יִפְקֹד אֱלֹקִים אֶתְכֶם וְהַעֲלִיתֶם אֶת־עַצְמֹתַי (י"ג י"ט) זאגט דער מדרש חֲכַם־לֵב יִקַּח מִצְוֹת (משלי ח י) דאס איז משה רבינו, ווייל אלע אידן זענען געווען פארנומען מיט נעמען כלים און רויב פון מצרים, און משה איז עוסק במצוה פון וַיִּקַּח עַצְמוֹת יוֹסֵף עִמּוֹ. איז שווער פארוואס נוצט מען דעם לשון חֲכַם־לֵב און נישט חָכָם? אויך איז שווער פארוואס שטייט א דאפעלטער לשון פָּקֹד יִפְקֹד? נאר דער מדרש זאגט (בראשית רבה פ"ז ח') הַיָּם רָאָה וַיָּנֹס, מַה רָאָה? רָאָה אֲרוֹנוֹ שֶׁל יוֹסֵף. פארוואס האט זיך דער יַם דערשראקן? נאר עס שטייט אז דער יַם האט געטענה'ט צו משה, אז ער איז באשאפן געווארן פַּארן מענטש, איז ער עלטער, און דארף נישט פאלגן! האט אים משה געענטפערט אז במחשבה איז דער מענטש געווען פריערט און איז עלטער. די ראי' אז מחשבה איז שטארקער, איז פון יוסף, וואס האט גענומען די בכורה פון ראובן אפילו ראובן איז געווען די בכור במעשה, אבער די מחשבה פון יעקב איז געווען צו נעמען רחל פריערט, דעריבער קומט יוסף די בכורה. דאס מיינט די מדרש: ראה ארונו של יוסף, אז מחשבה איז שטארקער, און וועגן דעם האט זיך דער ים צושפאלטן, און ווען יוסף האט געזאגט פָּקֹד יִפְקֹד, האט ער מרמז געווען אז עס וועט זיין צוויי גאולות, איינס יציאת מצרים און דאס וועט זיין בזכות פון משה, און א גאולה ביים יַם וואס דאס וועט זיין בזכות עצמות יוסף, דעריבער האט מען געדארפט די עצמות ביים יַם אז זייער זכות זאל מגין זיין. יעצט איז גוט חֲכַם "לֵב", ווייל לֵב מיינט רוח הקודש, ווייל משה האט געזען ברוח הקודש אז די אידן וועלן דארפן די זכות פון די עצמות כדי דער ים זאל זיך צושפאלטן. (אך פרי תבואה ליסקא) וואלט מען געקענט צולייגן אז חֲכַם "לֵב" מיינט מחשבה, און דאס איז משה, ווייל ער האט געוואוסט אז די יַם וועט טענה'ן אז ער איז עלטער פון די אידן און ער דארף נישט פאלגן, אבער ווייל די אידן זענען פריערט במחשבה, און מחשבה איז שטארקער, וועט דער ים זען די ראי' פון יוסף און ראובן כנ"ל, דאס מיינט ביי משה חֲכַם "לֵב"– אז מחשבה איז קודם– דעריבער יִקַּח מִצְוֹת – די עצמות– כדי בזכותו זאל זיין קריעת ים סוף. (שמח זבולון תשע"ח)

וַיִּקַּח מֹשֶׁה אֶת־עַצְמוֹת יוֹסֵף עִמּוֹ .. פָּקֹד יִפְקֹד אֱלֹקִים אֶתְכֶם וְהַעֲלִיתֶם אֶת־עַצְמֹתַי מִזֶּה אִתְּכֶם: (י"ג י"ט) פארוואס דארף שטיין פָּקֹד יִפְקֹד, דער עיקר איז אז מען זאל ארויף ברענגען די עצמות? און פארוואס א דאפעלטע לשון? נאר יוסף האט געוואוסט אז די מצריים וועלן באהאלטן זיין עצמות, און ווי אזוי וועלן די אידן וויסן וואו זיי ליגן? האט יוסף געזאגט, פָּקֹד: ווען עס וועט קומען די צייט אייך אויסלייזן, יִפְקֹד: וועט דער אויבערשטער אנטפלעקן צו אייך מיין עצמות. דעריבער איז א כפל הלשון. (תפוחי חיים פאנעט דעעש קארלסבורג)

**פארוואס שטייט אין פ' בשלח פון עצמות יוסף און נישט אין פ' בא**

וַיִּקַּח מֹשֶׁה אֶת־עַצְמוֹת יוֹסֵף עִמּוֹ כִּי הַשְׁבֵּעַ הִשְׁבִּיעַ .. וְהַעֲלִיתֶם אֶת־עַצְמֹתַי מִזֶּה אִתְּכֶם: (י"ג י"ט) לכאורה איז שווער אז דער פסוק וואלט געדארפט שטיין ביי וַיִּסְעוּ בְנֵי־יִשְׂרָאֵל מֵרַעְמְסֵס (י"ב ל"ז), ווען די אידן זענען געגאנגען און האבן גענומען די עַצְמוֹת יוֹסֵף, פארוואס ווארט די תורה ביז דא צו זאגן וַיִּקַּח מֹשֶׁה אֶת־עַצְמוֹת יוֹסֵף? אויך איז שווער פארוואס האט יוסף נישט געהייסן מען זאל אים גלייך ארויפנעמען קיין א"י אזוי יעקב האט געהייסן? כדי דאס צו פארענטפערן קען מען זאגן אז יוסף הצדיק וואלט באמת געקענט בעטן מען זאל אים גלייך ארויפברענגען קיין ארץ ישראל, נאר ער האט געזען ברוח הקודש אז עס וועט מוזן זיין קריעת ים סוף, און עס שטייט אין מדרש (בראשית רבה פ"ז ח') אין זכות פון עצמות יוסף איז געווען קריעת ים סוף, אזוי ווי עס שטייט הים ראה וינוס, מה ראה? ראה ארונו של יוסף. יעצט אין פ' בא ווען די אידן דארפן ארויסגיין פון מצרים, און אפשר וועלן זיי ארויפגיין דורך ארץ פלשתים, און מען וועט נישט דארפן שפאלטן דעם ים, וועט מען נישט דארפן די זכות פון עצמות יוסף, אבער יעצט אז מען וועט דארפן דורכגיין דעם ים, וועט מען דארפן די עצמות יוסף כדי דער ים זאל זען ארונו של יוסף און זיך דערשרעקן און זיך שפאלטן, דעריבער שטייט דוקא דא ביי וְלֹא־נָחָם אֱלֹקִים דֶּרֶךְ אֶרֶץ פְּלִשְׁתִּים, אז מען וועט נישט גלייך אריין גיין קיין ארץ ישראל, נאר וַיַּסֵּב אֱלֹקִים אֶת־הָעָם דֶּרֶךְ הַמִּדְבָּר יַם־סוּף, עס וועט מוזן זיין קריעת ים סוף, דעריבער שטייט יעצט וַיִּקַּח מֹשֶׁה אֶת־עַצְמוֹת יוֹסֵף עִמּוֹ, ווייל אין זיין זכות וועט דער ים זיך שפאלטן. (בית ישראל השלם למוח"ז אדמו"ר מאטטערסדארף)

**וואס מיינט דבר אל בני ישראל**

מַה־תִּצְעַק אֵלָי דַּבֵּר אֶל־בְּנֵי־יִשְׂרָאֵל וְיִסָּעוּ: (יד טו) פרעגן אלע פארוואס זאל מען נישט שרייען, און וואס איז די שייכות צו דַּבֵּר? נאר עס שטייט, וואס דער אויבערשטער זאגט פאר א נביא צו זאגן, אפילו עס דארף מקויים ווערן נאר מיט א תנאי, מוז די נבואה מקויים ווערן ווייל מען זאל נישט זאגן אז דער נביא איז א נביא שקר, ווייל מען וועט נישט וויסן אז די סיבה פארוואס עס איז נישט מקויים געווארן איז וועגן די תנאי, דאס מיינט דער פסוק מַה־תִּצְעַק אֵלָי, יעצט איז נישט קיין צייט צו שרייען, דַּבֵּר אֶל־בְּנֵי־יִשְׂרָאֵל וְיִסָּעוּ, זאג זיי בלשון נבואה אז זיי זאלן גיין, ממילא וועל איך נישט חוזר זיין, און די אידן וועלן קענען דורך גיין דעם ים, אן מורא פון זינד. (מדרש יהונתן אייבישיץ)

**וואס איז די שייכות אמונה מיט שירה?**

וַיַּאֲמִינוּ בַּה' .. אָז יָשִׁיר־מֹשֶׁה וּבְנֵי יִשְׂרָאֵל אֶת־הַשִּׁירָה הַזֹּאת: (יד לא) וואס איז די המשך פון די צוויי פסוקים? נאר אין (ירושלמי תענית ג.) איז דא איין דעה אז די אידן זענען ארויס פון מצרים בזכות אמונה און איינער האלט בזכות זייערע עלטערן, און דער נפק"מ איז, לויט וואס עס שטייט אין גמ' (סנהדרין צד.) חזקיהו וואלט געדארפט זיין משיח נאר ווייל ער האט נישט געזאגט שירה ווען ער האט איינגענומען סַנְחֵרִיב,, און פארוואס האט ער נישט געזאגט שירה? ווייל מען זאגט שירה נאר אויף א נס וואס איז געשען וועגן זיין זכות אבער ביי סַנְחֵרִיב שטייט: (מלכים ב יט לד) וְגַנּוֹתִי אֶל־הָעִיר הַזֹּאת לְהוֹשִׁיעָהּ "לְמַעֲנִי וּלְמַעַן דָּוִד עַבְדִּי": קומט אויס אז דער נצחון איבער סַנְחֵרִיב איז נישט געווען אין זיין זכות–חזקי'–, נאר בזכות דוד, דעריבער האט ער נישט געזאגט שירה. איז דא, ווייל די אידן זענען ארויס פון מצרים אין זייער זכות פון אמונה, דעריבער מעגן זיי זאגן שירה, אבער אויב זיי וואלטן ארויס בזכות אבות, מעגן זיי נישט זאגן שירה. יעצט וַיַּאֲמִינוּ בַּה' וּבְמֹשֶׁה עַבְדּוֹ, ווייל זיי האבן געהאט אמונה, און דאס איז אין זייער זכות, אָז יָשִׁיר־מֹשֶׁה, האבן זיי געמעגט זאגן שירה. (נפש יהונתן אייבישיץ)

# מדור העובדות

## דער גאון מיט זיין פקחות האט צוגעטראפן ווער איז דער גנב און געמאכט א קידוש ה'

הגאון רבי חיים צבי -הערש- מאנהיימער איז געבוירן צו זיין טאטע רב דוד יהודה ליב מאנהיימער שנת תקע"ד. אין שטאט פישטיאן אונגארן -דארטן איז געווען רב שפעטער הגאון ר' ישכר בער טייכטאל דער משנה שכיר ועוד- אלץ קינד ער איז שוין געווען א עילוי און געלערנט ביז די בר מצווה ביי רבי יעקב קופל אלטנקונשטאט און נאכדעם ביי הגאון רבי בנימין וואלף לעוו דער שערי תורה. און נאכדעם געלערנט אין פרעשבורג און געווארן א תלמיד פון הייליגן חת"ם סופר. שפעטער איז ער געווארן רב און ראש ישיבה אין ווערבוי און שפעטער אין אונגוואר נאך הגאון רבי מנחם א"ש. ער האט מחבר געווען ספר עין הבדולח און אשי ישראל. נפ' י"ז בתמוז תרמ"ו.

זיין קלוגשאפט איז געווען באקאנט, אפילו די גויים פלעגן זיך שואל עצה זיין און ער האט זיך אפגעגעבן מיט יעדער איינער לפי כבודו. איינמאל האט זיך געמאכט וואס פיר גויים האבן געמאכט א שותפות אז זיי וועלן פארן איינהאנדלען אין מארק אין אונגוואר און געוואוסט אז דער געשעפט וועט זייער מצליח זיין. זיי זענען אנגעקומען אין אונגוואר נאך מיטאג און זיי האבן מורא געהאט צו האלטן אזא סכום געלט אין זייער קרעטשמע, האבן זיי מחליט געווען אז מען וועט גיין אין וואלד און באגראבן די געלט ביז מען וועט דאס דארפן. זיי האבן געקענט דעם וואלד און האבן געטראפן א פלאץ לעבן א גרויסער בוים, זיי האבן ארום געקוקט אויב אינער איז אין וואלד אבער עס איז געווען שטיל און ליידיג און זיי האבן געגראבן א גרוב און דארט אריינגעלייגט די זעקל געלט, און האבן געמאכט א סימן וואו די געלט ליגט.

אינדערפרי זענען זיי געגאנגען אין מארק און מען האט געטראפן די סחורה וואס זיי דארפן און האנדלען א פרייז און מען שליסט א מקח און זאגן דער מוכר אז זיי גייען יעצט ברענגען זייער געלט. די פיר שותפים פארן צו די פלאץ וואס זיי האבן באגראבן זייער אוצר, און מען זעט אז עס איז אויסגעגראבן געווארן און עס איז נישטא קיין זכר פון די געלט. די שותפים האבן געוואוסט אז קיינער האט נישט געקענט וויסן פון דעם אוצר נאר עס מוז זיין אז איינער פון די שותפים האבן דאס גענומען און באהאלטן ערגעץ וואו און שפעטער וועט ער דאס נעמען. עס איז געווארן א קריגערייי אבער יעדער האט געלייקענט אז ער האט נישט געגנבע'ט דעם אוצר.

זענען זיי געלאפן צום גלח פון אונגוואר און דערציילט די מעשה און ער זאל זיי זאגן ווער איז דער גנב! אבער דער גלח האט געענטפערט קלאר און מודה געווען אז ער קען זיי נישט ענטפערן און זיי געהייסן גיין צו רבי חיים הערש דער רב פון שטאט וואס ער איז א קלוגער איד און ער וועט זיי זאגן ווער איז דער גנב! און דער גלח האט געשריבן א בריוו צום רב מיט די גאנצע מעשה און אז ער בעט אים צו לייזן דעם סכסוך. ווען די גויים זענען געקומען צום רב מיטן בריוו, ליינט ער דאס מיט יישוב הדעת און טראכט, און זאגט זיי שטרענגערהייט: "בין איך דען א נביא צו וויסן אזא זאך? גייט זאגט דער גלח אז איך קען אים נישט העלפן"! די שותפים האבן נישט קיין ברירה און גייען צום ריכטונג פון טיר, און פלוצלינג רופט זיי דער רב צוריק.

דער רב נעמט ארויס דעם בריוו און ליינט עס נאכאמאל און טראכט, ווען נאכאמאל זאגט ער זיי שטרענגערהייט: "בין איך דען א נביא צו וויסן אזא זאך? גייט זאגט דער גלח אז איך קען אים נישט העלפן"! די שותפים גייען ווייטער צום טיר און דער רב רופט זיי צוריק נאכאמאל, און אזוי האט דאס איבער געחזר'ט. נאכן פיפטן מאל האט דאס איבער געחזר'ט און די גויים האבן שוין נישט געהאט קיין געדולד און נישט געוואלט צוריקומען צום רב, אבער דער רב האט זיי צו געזאגט אז דער מאל וועט ער האט שוין האבן א ענטפער. דער רב נעמט דער בריוו און שרייבט פארן גלח וועלכע שותף איז דער גנב און זיגל'ט דאס און הייסט זיי דאס גלייך טראגן צום גלח.

דער גלח הייסט זיי ווארטן און עפענט דעם בריוו און זעהט וואס דער רב שרייבט און הייסט זיין באדינער שנעל רופן די פאליציי און דער גלח זאגט פארן פאליציי וואס איז דא געשען און דער שותף איז דער גנב, יענער שותף האט געלייקנט אבער די פאליציי האבן אים געזאגט מען וועט אים שלאגן ביז ער וועט מודה זיין, דער שותף האט געזען וואס ער וועט דא באקומען און האט מודה געווען און געזאגט ער וועט וויזן די פאליציי וואו ער האט באהאלטן די געלט און ער האט דאס געברענגט צום גלח. דער גלח האט נישט געקענט גלויבן וואס איז דא געשען און געפרעגט די גויים ווי אזוי האט דער רב געוואוסט ווער דער גנב איז? האבן זיי געענטפערט אז זיי האבן אויך נישט פארשטאנען נאר עס איז זיי געווען א וואונדער אז דער רב האט זיי געשיקט און צוריק גערופן אסאך מאל, און יעדן מאל געזאגט: "בין איך דען א נביא צו וויסן אזא זאך? גייט זאגט דעם גלח אז איך קען אים נישט העלפן"!

דער גלח האט געוואוסט אז ר' חיים הערש איז געווען א פיקח און האט געמוזט אוים געפונען ווי אזוי דער רב האט געוואוסט ווער דער גנב איז! און איז אליין אריבער צום רב אין שטוב און געדאנקט דעם רב פאר אים העלפן, אבער דער גלח פרעגט, ווי אזוי האט דער רב געוואוסט צו ענטפערן, דאס איז דאך נביאות נישט קלוגשאפט! האט ר' חיים הערש בארוהיגט דעם גלח און געזאגט: איך בין נישט קיין נביא און אויך נישט געענטפערט מיט כישוף חלילה, נאר גענוצט מיין שכל. דעם ערשטן מאל ווען איך האב געענטפערט איך קען נישט וויסן ווער דער גנב איז, האב איך באמערקט ווי איינער פון די שותפים איז געווען דער ערשטער ארויסגיין פון שטוב, האב איך געטראכט דאס האט זיך פונקט געטראפן, אבער יעדן מאל וואס איך דאס געזאגט, זע איך קלאר אז דער שותף וויל זיין דער ערשטער ארויסלויפן פון צימער, האב איך שוין פארשטאנען אז ער לויפט שוין ארויס און אטאמט אפ אז דער רב ווייסט אויך נישט ווער דער גנב איז וועט ער שוין קענען גיין נעמען זיין אוצר! אבער דאס איז געווען זיין דורכפאל און איך האב געזען קלאר אז ער איז דער גנב. דער גלח האט געזאגט א דאנק און מפרסם געווען דעם סיפור וואס איז געווען א קידוש ה'.


**_הוצא לאור ע"י "עולם הספרים" המרכז העולמי לספרים שאינם בנמצא ולספרים עתיקים וכתבי יד - צו פארקויפן_**

מכתב קודש של הקדושת ציון מבאבוב הי"ד תרפ"ט מלא ברכות ה' $12000. חומש עם פירוש שם אפרים ותוצאות חיים טשערנאוויץ תרי"א $4000, משנה למלך שהמהרי"ל דיסקין נתן במתנה $3500, מכתב קודש כולו כתב יד של הרה"ק ר' אליעזר זוסמאן פיש אדמו"ר מאטעסאלקע $800, ספר עבודת הגרשוני תנינא דפו"ר $1000, ספר לחם שמנה ראפשיץ דפו"ר $600, ספר כתנות האיפוד דפו"ר $1000, אור ישראל על הזוהר מגיד מקאזניץ דפו"ר $500, ספר מטה אפרים שייך להגאון ר' אברהם פאם $180, א גמרא פון הגאון ר' שלמה היימאן זצ"ל $600, גאנצע תהלים געדרוקט אין זיטאמיר פעלט דעם שער $2000, 5 כרכים משנה ברורה עם עוד ספר מיט מוגה כת"י געקויפט פון חפץ חיים אליין $3000 שו"ת אור המאיר מיט הקדשה פון הגאון ר' מאיר שפירא מיט פיל לומדישע הגהות $3000 , ברית אברהם דפוס ראשון $1500 , ספר היכלות הזהר עם פירוש הגר"א דפו"ר שייך להגאון ר' שמואל העללער $2000, א אלטע זילבערנעם שטעקן פון דער טאלנא רבין פון פילאדעלפיה $2000 רי"ף מיט חתימה ר' ברוך בענדיט ליכטנשטיין אביו של הרה"ק ר' הלל מקאלאמייא $5000, חומש דברים עם אוה"ח דפוס סלאוויטא $2500, רי"ף עם חתימת הגאון ר' חנוך הינך המרחשת $2500, 100 היתר נישואין נאך די שואה תש"ו מיט חתימת פון בי"ד, אסאך היסטאריה פון די משפחות $15000 20,000 ספרים און בריוון און דאקומענטן צום פארקויפן בריוו פון ר' עקיבא איגר, חכם צבי, חידושים פון חב"ד

**דער גליון איז לעי"נ הבחור יוסף שמואל ע"ה ב"ר צבי אלימלך נ"י, און לעי"נ ידיד נפשי המקובל הצדיק ר' מיכאל בן רחמים נימני זצ"ל כ"א תמוז תשע"ז**

**If you have good condition older seforim bring them in to us at no charge 4403 16 Ave Brooklyn, NY 11204 USA 718 438 8414 718 633 5500 T/f Hours are 11-7:30 Fri till 1:30, To receive pardes: send to- pardesyehuda1@gmail.com or pickup in the store from Wednesday also on the web at _WWW.SEFORIMWORLD.COM_**